# אשי ישראל
# השלם



## אידיש



ל״ג

# רבי אלטר קרעמענטשוג'ער ז"ל

*(המשך)*

*[חוזר לענין סיפור התקרבותו במסירת נפש]*

אוי אוי אוי אוי. געלויבט דער אייבערשטער, היינט לעב איך מיט דעם חיות - אז איך דערמאן זיך אז ס'איז געווען אויף דער וועלט א איד וואס האט געהייסן 'רבי ישראל'. און דער אייבערשטער האט צוגעפירט אזעלכע סיבות, וויאזוי איך האב זיך ביי איהם געהאלטן עטליכע יאר, מתוך אזעלכע בזיונות, מיט אזעלכע שפיכות דמים - - ווער קען דאס אויסדערציילן?! ווער ס'האט דאס נישט געזעהן. אזוי איז געווען יעדן טאג אנדערע מעשיות מיט אנדערע ענינים.

דעמאלטס איז מיר געווען פינסטער אין מיין לעבן, ביטער און פינסטער, און היינט זעה איך ווי גוט דאס איז, דוקא אזוי! דאס איז דער עיקר! און אזוי לערנט אונז דער הייליגער רבי, וואס איז שווערער - דארף מען וויסן אז פאר דעם איז מען אראפגעקומען אויף דער וועלט! וואס ס'איז שווערער, וואס ס'איז זיך מתגבר אויפ'ן מענטשן מעהרער - איז דוקא דאס דארף מען טוהן! דאס איז פון די שיחות.

*

ער [רבי ישראל קארדונער זצ"ל] איז געווען זייער מקושר צו רבי שמעונ'ן אהן א שיעור, צו רבי שמעון בר יוחאי, צום זוהר הקדוש. ער איז געזעצן תמיד ביי רבי שמעונ'ן, ער האט זיך נישט געקענט אפטשעפען - -

ער איז אמאל געזעצן מיט די משפחה אין מירון, איז ער אויך געווען ביי רבי שמעונ'ן. אין מירון איז ער געווען אין מושב זקנים, און ער איז געווען ביי רבי שמעונ'ן. ער האט געהאט א שליסל פון די טיר, און ער איז געווען מיט רבי שמעונ'ן אליין.

*

*[עוד מענין המכתב מרביה"ק ז"ל]*

- - איך האב עס געוויזן אין טבריא פאר א בעל מקובל, א מתנגד (- רבי אברהם אשכנזי זצ"ל), זיין פאטער איז געווען רבי יואל אשכנזי (זצ"ל, מחשובי חסידי סלונים בטבריא). על כל פנים, איך האב מיט איהם געלערנט נאך פון די

יונגט, מיר וואוינען דאך אין איין שטאט, נאר ער איז א מתנגד, און איך האב זוכה געווען - דאס איז שוין עפעס אנדערש. אבער ער איז דאך - ער איז נישט קיין פראסטער מענטש. און אז ער פלעגט קומען קיין טבריא, פלעגט ער קומען צו מיר. נו, איך האב איהם געוואלט א טובה טוהן, אבער כ'האב געזעהן ס'גייט נישט. כ'האב איהם געגעבן ספרים פון רבי'ן, כ'האב איהם געגעבן דעם ליקוטי עצות, האב איך געמיינט אז ער וועט לערנען דעם ליקוטי עצות - - הכלל, האב איך איהם געוויזן דאס צעטעלע, איז ער זייער נתרגש געווארן אהן א שיעור!

- - איך זוך נישט קיין עדות, און איך זוך נישט קיין ראיות. אבער איך ווייס אז דאס איז אינגאנצן נישט פון מיר, דאס איז פון הייליגן רבי'ן, דער הייליגער רבי נעמט א ישראל בער'ן אויכעט...

* * *

*[עכשיו חוזר להמשך הסיפור מרבי אלטר קרמנצ'וגר דלעיל]*

איך פלעג אריינגיין צו דעם רבי אלטר קרעמענטשוגער, און זיי זענען געווען דאס ערשטע פארפאלק, ער איז געווען א זקן, און זי איז געווען א זקנה, יא. און ער - אויף דער עלטער - דאס פנים איז געווען אזוי ווי א יונגעלע פון זיבן יאר, א יונג יונגעלע, די אויגן מיט די פנים. דער שטייגער איז אז אויף דער עלטער ווערט מען געקנייטשט, זיין פנים איז געווען זייער איידל, נישט אן אנגעפרעסענער, מ'האט דערקענט אויפ'ן פנים.

און ער איז נישט געזעצן קיינמאל בטל. ער פלעגט אראפגיין פון מושב זקנים צו רבי שמעונ'ן, איז געווען אזעלכע שטיינער, מ'האט זיך געקענט אויסגליטשן, און מ'האט זיך געקענט צוברעכן די הענט און די פיס. און דארטן איז דא די ווינטן, צווישן די שטיינער, אז ס'גייט אדורך דער ווינט איז עס ממש - - ער האט זיך צוגעהאלטן צו די שטיינער, און אזוי איז ער אראפגעגאנגען אונטן. ס'איז געווען ממש מסירת נפש, ווארן ער איז געווען אן איידעלער מענטש, א גרינגער גוף, נישט קיין שווערער גוף, דער ווינט וואלט איהם געקענט אוועקטראגן... און אזוי איז ער געגאנגען אויפ'ן ציון.

און ער האט מיר געזאגט אויף רבי ישראל'ן, אז ער האט געהערט פון אונזערע מענטשן - - ער איז געווען מקורב נאך פאר רבי ישראל'ן, ער איז געווען אן אלטער איד, רבי ישראל איז אלט געווען עטליכע און פערציג יאר,

און ער איז אלט געווען ניינציג יאר. על כל פנים, האט ער מיר געזאגט אז ער האט געהערט פון אונזערע מענטשן; **אז רבי ישראל זאל ווען זיין אין צייט פון רבי נתנ'ען - וואלט ער געווען א חידוש**! אזוי האט ער מיר געזאגט - אז אזוי האט ער געהערט פון אונזערע מענטשן! און ער האט מיר מחזק געווען אז איך זאל זיין שטארק, אז איך זאל נישט הערן קיינעם!

* * *

יא, כל זמן נעבעך מ'זעהט ארויס שכינתא בגלותא, ס'איז דא גדולים, גדולים - וואס זיי מאכן זיך פאר מנהיגים, און כ'ווייס - - ס'איז דא אזעלכע וואס זענען נישט קיין מתנגדים, און ס'איז דא אזעלכע וואס זענען גרויסע מתנגדים, קליינע מתנגדים, אבער איינס; פון תיקון הכללי רעדט מען גארנישט, און פון ליקוטי תפלות אוודאי נישט... נאר וואס דען - זיי זענען נישט קיין מתנגדים, ער גיבט נישט קיין פאטש...

* * *

*[מדברים מאיש מפורסם מאנשי הממשלה שעסק עמו לקרבו ליהדות על דרך רביז"ל]*

- - אוי וויי, אוי וויי, אוי וויי, פון דעם אליין זעהט מען - ער האט געדארפט אנקומען צו מיר?! ס'האט איהם געפעהלט כבוד?! ער האט געהאט חברים, די גרעסטע פראפעסארן - - מיט ישראל בער?! מ'זעהט פון רבי'נס פלאות!

איך געדענק, ווען איך פלעג זיצן מיט איהם - איז ער געזיצן גלייך ווי איינער וואס ווייסט גארנישט וואס טוהט זיך, גלייך ווי ער ווייסט גארנישט, און ער האט זיך אזוי צוגעהערט. און כ'האב געזעהן זיין פנים, כ'האב געזעהן אזעלעכ'ס - כ'האב איהם נישט געפרעגט צו ער בעסערט זיך, צו טוהט ער תשובה - איך האב איהם קיינמאל נישט געפרעגט. כ'האב נאר גערעדט מיט איהם פון רבי'ן, און כ'האב איהם געזאגט ער זאל לערנען דעם רבי'נס ספרים. און כ'האב דערקענט אז ס'רודערט אין איהם, אבער וואס און ווען - ווייס איך דאך נישט. האב איך געהאט א שפיאן, אין שטוב, זיינס א שוועסטער, און זי האט זיך זייער געפריידט, און זי האט מיר געזאגט; זייט ער קען אייך - - זי האט מיר אנגעקוקט ווי א מלאך - - מען זאל איהם קענען אזוי איבערדרייען מהיפוך אל היפוך?! און זי האט מיר געזאגט אז אין שטוב איז דא מחלוקת... (על חזרתו בתשובה).

* * *